

# והשכונ"ה אומרת

כן ירבה וכן יפרוץ!

סיון תשע"א לפ"ק

אינפארמאטיווער נייעס-בולעטין איבערן
**הרחבת גבולי הקדושה**
אינערהאלב דער בליענדער
**"שכונת ברך משה · קרית יואל"**
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

# בונים היכל לה' אלקי ישראל!



סקיצע פונעם פראכטפולן

# בית הגדול והקדוש

וועלכע וועט בעז"ה דינען אלס תל תלפיות און
**צענטראלער מקום תורה ותפילה**
פאר די הונדערטער תושבים שיחיו אין
**שכונת ברך משה · קרית יואל יע"א**

אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה:

# תושבי "שכונת ברך משה" איינגעהילט אין רגשי שמחה צום התחלת הבני' פונעם מאיעסטעטישער בנין "בית המדרש החדש" ומקוה מפוארה דקהלתינו הק'

**בליה און וואוקס פון הערליכע שכונה וואקסט מידי שבוע בשבוע מיט פרישע תושבים בליעה"ר - נייער בית המדרש וועט דינען אלס צענטראלער מקום תורה ותפילה פאר די הונדערטער תושבים פון די גאנצע געגענט - צייטוויייליגער ביהמ"ד שוין פון לאנג צר מהכיל – פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען אנצוהויבן מיט די בוי-ארבעט בקרוב - שיעורי תורה; מסיבות און כינוסיים קוקן שוין ארוים בכליון עינים צום וואונטש פון 'השלם זה הבנין'**

**שכונת ברך משה, קרית יואל.** - ברוב שבח והודאה ווערט אויפגענומען די בשורה טובה ומרנינה, איבערן פארשריט פון הקמת בית הגדול והקדוש, **דעם נייער פראכטפולער בית המדרש החדש ד'קהל יטב לב – קרית יואל,** וועלכע וועט בעז"ה דינען אלס דער צענטראלער ביהמ"ד אינעם הערליכן און שפרודלדיגער **"שכונת ברך משה"** געגנט, פאר די הונדערטער איינוואוינער פונעם גאנצן אומגעגנט.

ס'איז פשוט א נחת רוח גשמי ורוחני צוצוזען ווי עס זעצט פאר דער בליה און וואוקס פון די הייליגע שטאט קרית יואל כ"י אויף א הערליכן אומגלויבליכן פארנעם, און די הרחבת גבולי הקדושה גייט אן אויף א זעלטענעם אופן, בסייעתא דשמיא ובכוחו של אותו זקן מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע, מחולל ומייסד העיר.

אין אלע ווינקלען פון שטאט וואו עס קומען צו פרישע געגנטער און דעוועלאופמענטס, שטייגט נאטורליך די רוחניות'דיגע געברויכן, נעמליך אהערצושטעלן בתי מדרשים פאר אנשי שלומינו אלס א מקום תורה ותפילה און קביעות עתים לתורה אויף א הערליכן פארנעם.

אבער איבערהויפט דערקענט זיך שוין א לענגערע צייט דער נחיצות הענין ווען די רעדע איז פונעם הערליכן און שפרודלדיגער **"שכונת ברך משה"** וועלכע וואקסט און בליעהט לשם ולתפארת, א שכונה וועלכע איז ווי באקאנט אויפגעשטעלט געווארן ע"ש מרן רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע, וואו עס הערשט א שטארקע ברידערליכע און אחדות'דיגע אטמאספערע צווישן די נאנט צו הונדערט און פופציג איינוואוינער כ"י, תחת דגלו והדרכתו פון כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

עס איז שטארק צום דערקענען דער אויסטערלישער רוח של תורה וואס איז ניתוסף געווארן אין די גאנצע געגענט, נאכדעם וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט ממנה געווען חתנו כבנו הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א

> **"... עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בא"י. אזא ביהמ"ד וועט נישט זיין עפעס קיין כבוד... דאס וועט מען טראגן?!... אבער אז מען בויט אויף א הערליכער בית המדרש לרומם בית ה', ווי עס איז ראוי מכבד צו זיין דעם בורא כל עולמים, אזא שיינעם בית המדרש ווען מען טראגן קיין ארץ ישראל לכבוד ולתפארת! ..."**
>
> (מרן רבינו הגה"ק שליט"א
> ד' מקץ תשע"א – בהיכל הביהמ"ד)

צו דינען אלס רב, דער שריט האט זאפארט שטארק אויפגעהויבן די גאנצע סביבה עשר מעלות רמות, אריינברענגענדיג פולע הויפענעס מיט התרוממות אין די גאנצע אומגעגנט, זייענדיג משפיע מהוד תורתו מיט שיעורים תמידין מידי יום ביומו ומידי שבת בשבתו.

ס'איז אבער זעלבסטפארשטענדליך אז דער ביז-איצטיגער ביהמ"ד איז שוין צר מהכיל, יעדע עטליכע טעג ציען זיך אריין פרישע תושבים, און מער און מער איינוואוינער זענען זיך קובע מקום אין דעם ביהמ"ד, אזוי אז ס'איז געווארן קריטיש וויכטיג צוצושטעלן א נייעם רחבות'דיגן מקום תורה ותפילה פאר די הונדערטער מתפללים, לומדים, ותושבי השכונה.

נאכדעם וואס אין די לעצטע חדשים האבן טעטיגע עסקני השכונה זיך אריינגעווארפן אין די **"קרן הבנין"** ארבעט, האט מען בעז"ה באוויזן צו מאכן שטארקע פארשריט אין דעם געביט, און האנט ביי האנט מיט חברי וראשי הקרי' והקהילה שיחיו - אינאיינעם מיטן חשובן בוי-דעוועלאפער **הרבני הנגיד המרומם, בונ"ה ומקים עולמות של תורה הרה"ח ר' יעקב זוסמאן סופר הי"ו** - איז מען בעז"ה זוכה צו שפאנען פאראויס מיט גרויסע טריט.

מטעם די חשובע עסקני "ועד קרן הבנין" איז דער גאנצער בוי-אונטערנעמונגען איבערגעארבעט געווארן עטליכע מאל דורך געניטע מומחים, אויסצורעכענען די פוקנטליכע געבוי און געשטעל פונעם פראכטפולן בנין, כדי צו קענען אהערשטעלן די גענויע פלענער צו פארנוצן יעדעס שטיקל פלאץ לויט די בעסטע מעגליכקייטן.

איבערמידליכע כוחות ווערט אריינגעלייגט אהערצושטעלן דעם בית הגדול והקדוש אויף שענסטן און בעסטן פארנעם, און אין די איצטיגע טעג זענען טאקע פארענדיגט געווארן די ענדגילטיגע בוי-פלענער וועלכע זענען פרעזענטירט געווארן פאר די די תושבי השכונה פאר פארשלאגן\געדאנקען\הערות לפאר ולרומם בית ד'.

אצינד קומען פאר די העפטיגע צוגרייטונגען צוצוגיין צום נעקסטן שטאפל: **אנצוהויבן מיט די פאקטישע מלאכת הבני'.**

תושבי קרית יואל בכלל און די תושבי השכונה בפרט וואונטשן פאר די אלע חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען עוסק אין דעם פראיעקט, אז זיי זאלן ווייטער מצליח זיין אין זייער אונטערנעמונג להרחבת גבולי התורה והקדושה, ולהגדיל תורה ולהאדירה.

**מחיל אל חיל.**



ונתתי להם בביתי, ובחומותי יד ושם!

# "קרן הבנין - פאנדרעיזינג קאמיטע" ווערט פארמירט;ברייטפארצווייגטע אקציע וועט אונטערגענומען ווערן להשלמת הבנין

**זכותים פון היכל הבית המדרש; פראכטפולע מקוה מפוארה; חדרי תורה ותפילה; ארונות הקודש; בימות ועמודי התפילה; און נאך, ווערן פארגעשלאגן פאר נדיבים בעם – ספעציעלע צוגענגליכע זכותים צום פארקויפן פאר תושבי העיר**

בו בזמן וואס די בוי-פלענער ווערן פארגעזעצט מיט א העפטיגן פיבער - דורך די איבערגעגעבענע עסקנים וועלכע ארבעטן אן אויפהער אהערצושטעלן דעם פראכטפולן בית מקדש מעט אויפגעשטעלט כלול בהדרו דאס שנעלסטע וואס מעגליך - ווערט אין די איצטיגע טעג פארמירט א ספעציעלער 'קרן הבנין - פאנדרעיזינג קאמיטע', וועלכע וועלן בעז"ה ארומצוגיין על פתחי נדיבים בעם, הנגידים החשובים תושבי קרית יואל שיחיו, אויפצוארבעטן גרעסערע נדבות און פארקויפן זכותים אדירים פון תורה, עבודה, גמילות חסדים אינעם נייעם פראכטפולן בית מקדש מעט, צו קענען דעקן די ריזיגע בוי-קאסטן וואס דער ריזיגער אונטערנעמונג ציעהט אריין.

אויפשטעלן קיין בתי מדרשים איז שוין היינט נישט קיין נייעס, ובפרט אינעם קרית מלך רב – קרית יואל, ווען פרישע בתי מדרשים לתורה ולתפילה ווערן רעגלמעסיג אויפגעשטעלט דורך די געטרייע חברי הנהלת הקרי' והקהילה אלס פראכטפולע תורה ותפילה צענטער פאר פילצאליגע תושבים פון די געגנטער.

אבער דער איצטיגער מקום תורה ותפילה וועט בעז"ה ערפולן א שטארקער חלל וואס שפירט זיך שוין עטליכע חדשים, און דער נחיצות הענין ווערט בלויז פארשטערקערט מיטן יעדן פארבייגייענדער טאג, ווען אלע זענען עדות אז דער הערליכער און שפרודלדיגער געגענט "שכונת ברך משה" שטייגט אויס אלס איינע פון די גרעסטע געגענטער דאהי' אין די שטאט, און דערפאר ווערן די מעלדונג אנטפאנגען מיט אזא אויסטערלישע שמחה יתירה, סיי ביים ברייטן ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר ותושבי קרית יואל, און באזונדער ביי די אריבער הונדערט פופציג תושבי השכונה, און הונדערטער צוקונפטיגע תושבים שיחיו.

*

מטעם דער "קרן הבנין - פאנדרעיזינג קאמיטע" וועט בעז"ה בקרוב אונטערגענומען ווערן א מאסיווער קאמפיין פארצושלאגן פאר נדיבים בעם ובעלי יכולת, אפצוקויפן א רייע פון זכותים אדירים ונשגבים אינעם בנין הבית מדרש, חדרים לתורה ולתפילה, ארונות הקודש, בימות ועמודי תפילה, און נאך גרעסערע זכותים וואס איז מעגליך אפצוקויפן אלס זכות נצחי פאר זיך אדער פאר נשמות פון עלטערן און קרובים בעולם העליון.

באזונדער ווערט אין די איצטיגע טעג צוגעשטעלט א רייע מיט גאר צוגענגליכע זכותים פאר ספעציעל באשטימטע פרייזן וואס איז שוה לכל נפש, א שטייגער ווי: ספרים שענק, טישן און בענק וכדומה, וואס דאס וועט ערמעגליכן אז יעדער אן אויסנאם זאל האבן די מעגליכקייט זיך איינצוקויפן א זכות נצחי בהקמת בית המדרש החדש.

**הכונו! פארפאסט נישט די געלעגנהייט!**

> **"... שכונת ברך משה פאר'ן טאטן ז"ל וועט עס זיין א כבוד לשמו ולזכרו, קרית יואל איז געווען ביי איהם אזוי חשוב אזוי טייער; אזויפיל געקעמפט פאר קרית יואל; אכטונג געגעבן, און געקומען אהער און אזוי הנאה געהאט. איז אוודאי נחת רוח לנשמתו בעולם העליון אז אין קרית יואל איז דא א גאנצע געגנט וואס איז גערופן געווארן לשמו ולזכרו "שכונת ברך משה" ..."**
>
> (כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א
> ביומא דהילולא קמייתא של מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע)

כן ירבה וכן יפרוץ:

# בליה און וואוקס פון פראכטפולע שכונה שפרודלט וועכנטליך מיט פרישע תושבים בליעה"ר

ס'איז א נחת מיטצוהאלטן מיטן הרחבת גבולי הקדושה, נאכדעם וואס דער בליענדער "ברך משה" געגענט האט זיך אנגעהויבן צו צעשפרייטן לשמחת לבם פון אלע עקזיסטירנדע און עווענטועלע תושבים. דאס יעצט דער הויפט געשפרעך פון טאג, דער האט שוין געמופט, יענער מופט ביז געציילטע וואכן, דער אנדערער האט שוין געקלאוזט א.א.וו. ס'איז א נחת יעדעס מאל ווען מ'זעט ווי איין דירה נאכ'ן צווייטן ווערט באזעצט, און די לעקטערס ברענען שוין. יעדע שטיק צייט זעהט מען פרישע פנימ'ער, איינוואוינער באגריסן זייערע נייע שכנים מיט א ווארימען שלום עליכם, און ס'ווערן געפראוועט מסיבת לחיים וקביעות מזוזות, וואס לעבט אויף די גאנצע סביבה.

איבערהויפט איז צום דערקענען די אחדות'דיגע אטמאספערע און היימישקייט וואס הערשט אין שכונת 'ברך משה', וואס איז אסאך צום פארדאנקען די פעולות נשגבות פונעם חשוב'ן רב שליט"א, וועלכער איז עומד על משמרת הקודש, צו די רעכטע האנט פון חתנו הגדול, מר"א דאתרא ומנהיג העדה מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

תושבי השכונה זענען העכסט-דאנקבאר פאר די בארימטע "היי-פוינט" פירמע, אין שפיץ פון הרבני הנכבד מוה"ר משה מאיר זילבערשטיין הי"ו, ומשנהו בדומה לו הרבני הנכבד מוה"ר אברהם מאיר מיללער הי"ו, וועלכע פארפיגן אויפן גאנצן פראיעקט, איבערהויפט פאר זייער איבערמידליכע הילף אין די לעצטערע וואכן זינט עס איז אריינגעלייגט געווארן שווערע הארעוואניע און קאסטבארע אונטערנעמונגען גענצליך צו רענאווירן און איבערצופלאסטערן דעם צענטראלן ראוד אין די געגענט, וועלכע וועט אויסטערליש ביהילפיג זיין פאר די תושבי השכונה.

מי יעלה בהר ה'...

# קומה א׳
סוב-בעיסמענט




## - רעזערווירט פאר "עווענטועלע באנוץ" -

א שטייגער ווי:

באזונדערער "היכל התורה" • קלענערע "שמחה זאלן" • וכדומה



# קומה ב׳
בעיסמענט




- הרחבה'דיגע מקוה
- קאווע-שטיבל
- שמש-שטיבל
- 4 באקוועמע חדרים לתפילה
- ברית-שטיבל
- כלים-מקוה (אריינגאנג פון גאס)











# וראה ועשה בתבניתם









## פראכטפולער היכל בית המדרש לתורה ולתפילה

- הויפט-ארייננאנג (לאבי)
- בית הוראה שטיבל
- קאווע שטיבל
- חדר רבינו שליט״א
- גמ״ח שטיבל
- מאנטלען-צימער








## העזרת נשים

# שטארקע הצלחה ביים גרעסטן טעגליכן שיעור במסגרת חבורת "יסודי התורה"; פארגעלערנט דורכן רב שליט"א

## באַרימטער "קול סאטמאר" טעלעפאן-ליין ערמעגליכט פאר הונדערטער מקשיבים מיטצוהאלטן דעם טעגליכן שיעור

אשרינו מה טוב חלקינו! ס'איז שוין פקיע שמי' עטליכע יאר, כולם שוין לטובה, דער באגריף פון "חבורת יסודי התורה" צווישן תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די גארער וועלט נאכדעם וואס כבוד קדושת רבינו שליט"א האט אויסגערופן שאיפת קדשו אז א יעדער איינציגער מתלמידי וחסידי סאטמאר זאל זיך אנשליסן אין די בארימטע



חבורה "יסודי התורה", און צוזאמען לערנען דעם טעגליכן עמוד גמרא אין די מסכתא וואס מען איז עוסק.

"חבורת יסודי התורה" איז פאר סאטמארער חסידים איבער די גאנצע וועלט ווי א צויבערווארט, דאס איז די חבורה וואס ווערט באגלייט פערזענליך דורכן רבי'ן שליט"א, דאס איז די חבורה וואס האט אריינגעברענגט אין די הערצער פון אלופי אלפי ישראל א געוואלדיגע חשקת התורה, דאס איז די חבורה וואס ציעט אריין טעגליך - ווי א מאגנעטישן כח - טויזנטער אידן פון אלע סאטמארער צענטערן אין היכלי התורה צו לערנען ברוב עם הדרת מלך, דאס איז די חבורה וואס איז מאחד א כח הרבים פון אלפי ישראל מכל קצוי תבל וועלכע ווילן זיין אנגעקניפט באילנא דחיי מיט א רוחניות'דיגן קשר.

באזונדער דערקענט זיך די שטארקע הצלחה ביים גרעסטן שיעור במסגרת החבורה, וועלכע ווערט פארגעלערנט טאג טעגליך בהיכל ביהמ"ד ישמח משה אין די שכונה, דורך הגה"צ הרב שליט"א וועלכער איז בארימט מיט זיין לשון לימודים און רייכע שפראך.

די צענדליגער משתתפי השיעור זענען אויסטערליש נהנה פונעם אופן וואס דער רב שליט"א צעלייגט אן ענין בטוב טעם ודעת, באגלייט מיט פאסיגע רעיונות פון די מפרשי הפשט, און צומאל וואונדערליכע געדאנקען וועלכע זענען נוגע צו די סוגיא וואס מען לערנט.

אבער נישט בלויז די וועלכע זענען אנוועזנד אין ביהמ"ד האלטן מיט דעם טעגליכן שיעור, נאר אין די זעלבע צייט ווערט דער שיעור מיטגעהאלטן לעבעדיג - דורך א טעלעפאנישער-פארבידונג אויף "קול סאטמאר טעלעפאן ליניע - דורך הונדערטער טעגליכע מקשיבים וועלכע זענען אויסטערליש נהנה דערפון, און זענען העכסט דאנקבאר פאר די חשובער ארגאניזירער שיחיו.

אזוי אויך ווערט די טעלעפאן-ליניע באנוצט דורך אידן וועלכע האבן נישט געקענט מיטהאלטן דעם שיעור; חברותות וועלכע האבן געהאט א שוועריקייטן אין פארשטיין א געוויסע נושא; און אזוי ווייטער, און אלע זענען שטארק צופרידן פונעם טעלעפאן-סיסטעם וועלכע טוט זיי שטארק פארלייכטערן און ארויסצוהעלפן מיטצוהאלטן די שיעורי תורה טאג טעגליך.

**מקדמין ומחשכין לבי כנישתא.**




## מתוך דברי הגה"צ הרב דבית מדרשנו שליט"א

### לרגל יומא דהילולא קדישא של מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

"... די וואך איז די יארצייט פונעם זיידן דער ברך משה זכותו יגן עלינו, וואס זיין גאנץ לעבן איז געווען עינו ולבו אויף קרית יואל, מיטגעלעבט פונעם ערשטן טאג, און געאטעמט מיטן וואוקס, דאס האט איהם געברענגט נחת, און דאס האט איהם געגעבן כח, ווען מ'פלעגט נאר רעדן מיט איהם איז נישט געווען אזא זאך זאל אז ער זאל נישט פרעגן די ערשטע קשיא: וואס איז נייעס אין קרית יואל? דאס איז אייביג געווען די ערשטע זאך דאס איז געווען דער ערשטער שמועס אייביג, מיטצוהאלטן ווי ס'וואקסט און ווי ס'בליהט.

דער שווער זאל זיין געזונט ווייסט יעדער איינער, ביי די ערשטע יארצייט האט ער געשפירט אזא התרגשות, מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי, צוריקצוצאלן פארן זיידן זי"ע, און דערפאר האט ער קובע געווען די גאנצע שכונה דא זאל זיין נקראת על שמו.

ווען ער וואלט זוכה געווען און געקענט מיטהאלטן און זעהן ווי ב"ה די תושבים פירן זיך אזוי ערליך בתורה ועבודה, אזוי ווי די שווער זאל זיין געזונט פירט, איז דאס אוודאי א געוואלדיגע נחת רוח אויבן אין הימל, און אזויווי בחיים חיותו האט ער מיגעהאלטן מיטן נחת ווי עס וואקסט און ווי עס בליהט, איז אוודאי גדולים צדיקים במיתתן איז נישט קיין גרעסערע הנאה און א קורת רוח ווי ער זעהט ב"ה ווי די שטאט גייט ווייטער אזוי ווי עס איז געווען דער רצון, פונעם מייסד הקרי', דער רבי זי"ע.

דער כח וועט אונז ווייטער באגלייטן אז דער אייבערשטער זאל העלפן, דער שווער זאל זיין געזונט זאל קענען ווייטער פירן על מי מנוחות די גאנצע קהילה, און קענען דא קומען זעהן ב"ה ווי מען פירט זיך לשם לתפארת..."

# פראכטפולע און מהודר'דיגע "מקוה טהרה - בית טשארנא" כליל בתפארתה לשמחת תושבי השכונה

## צוגעשטעלט שנעל און פראכטפול; אונטער א יאר זינט הקמת השכונה

בלויז א יאר האט אפגעטיילט זינט די חשובע עסקני וחברי הנהלת "מקוה טהרה - בית טשארנא" זענען אריינגעשפרינגען אינעם גראנדיעזן און קאסטבארן פראיעקט ליסוד קדושתן של ישראל: אויפצובויען און אהערצושטעלן אן אייגענעם פראכטפולן "מקוה טהרה" וועלכע זאל בעז"ה נאכקומען דעם געברויך פון אזא שפרודלדיגע און וואקסענדע געגנט בליעה"ר.



זעענדיג די געוואלדיגע סייעתא דשמיא און פינאנציעלע שטיצע פונעם ציבור תושבי השכונה און חשובע נדבנים שיחיו וואס האט באגלייט די חשובע עסקנים איז טאקע היינט א פאסיגע צייט אויפצוהייבן די אויגן בשבח והודאה פארן הייליגן באשעפער, על כל החסד אשר עשה עמנו.

אין די פראכטפולע מקוה געפונען זיך מהודר'דיגע בורות לטבילה; ספעציעל-אויסגעשטאטעטע חדרים מיט אלע הצטרכות'ן; פילצאליגע מעלות והידורים בגשמיות וברוחניות; מיט די באקוועמסטע איינריכטונגען לתועלת הענין, אזוי אז עס שטייט כלול בהדרו לשם ולתפארת מיט די גרעסטע הידורים וחומרות למהדרין מן המהדרין.



די מלאכת הקודש איז אהערגעשטעלט געווארן אונטער די השגחה מעולה פון בקיאים מומחים בעניני מקואות, בהשגחתו פון הגאון הצדיק הדומ"ץ שליט"א.

די בוי-ארבעט איז פערזענליך באגלייט געווארן טריט ביי טריט דורך די עינא פקיחא פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א וחתנו כבנו הגה"צ הרב דבית מדרשינו שליט"א וועלכער איז עומד לשרת בקודש און איז משפיע מאור תורתו פאר די גאנצע סביבה.

נאכדעם וואס די חשובע הנהלת הקרי' שיחיו - מיט די אקטיווע הילף פון הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו ווילידזש אדמיניסטראטאר וועלכער איז דורכאויס די גאנצע צייט געשטאנען צוהילף בכל מה דאפשר - האט צוגעשטעלט דעם פאסיגן שטח לצורך המקוה, האבן זיך די חשובע עסקנים אריינגעווארפן אין די ארבעט.

צו זייער רעכטע האנט זענען צוגעשטאנען די חשובע בוי-אונטערנעמער הרבני מוה"ר משה מאיר זילבערשטיין הי"ו ואתו עמו הרבני מוה"ר אברהם מאיר מיללער הי"ו, וועלכע האבן בחפץ לב אהערגעשטעלט דעם קאסטבארן אונטערנעמונג פונעם יציקת הבורות, צושטעלנדיג די בוי-געצייג און בוי-ארבייטער בלי שום תשלום גמול. ישלם ד' פעלם!

דער פייערליכער "מעמד יציקת הבורות" איז באשיינט געווארן דורך כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א און הגאון הצדיק הדומ"ץ שליט"א, וועלכע האלטן אן עינא פקיחא אויפן סדר יציקת הבורות, און צייגן אן כדת מה לעשות.

דער מעמד יציקת הבורות האט נאכגעפאלגט מיט א התרוממות'דיגן "מסיבת לחיים" בהיכל הביהמ"ד "ישמח משה" מיט א שמחה דקדושה לרגל המאורע.

ברם יזכרו לטובה די חשובע תושבי השכונה וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן מיט $1000 למען השלמת בנין המקוה טהרה פאר די געגנט, און עס איז געווען א מחזה נרגש צוצוזעהן וויאזוי אינגעלייט, שווערע ארבייטער, און כלי קודש, נעמען ארויס פון די קעשענעס אזעלכע מסירות נפש'דיגע געלט-סומעס האלטנדיג פאר די אויגן: קדושתן של ישראל!

אין לויף פונעם פאריעריגן זוממער העעל"ט איז די אינעווייגיסטע און דרויסנדיגע ארבעט פארפולקאמט געווארן לשמחת לב תושבי השכונה, שווערע קאסטבארע איינריכטונגען זענען אונטערגענומען געווארן צו פארזיכערן די מעלות והידורים כראוי וכנכון פאר א "מקוה טהרה" ד'קהל יטב לב - בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א.

אינעם פארנומענעם יום טוב סעזאן, א טאג בעפאר ערב ראש השנה העעל"ט, האבן מיר ווידעראמאל זוכה געווען אז כ"ק מרן רבינו שליט"א איז געקומען מיטהאלטן פון דערנאנט די פארפולקאמונג פון די מלאכת הבני', און האט געשעפט א תענוג ונחת רוח צוצוזעהן די פלינקע ארבעט פון די עסקני המקוה, וועלכע האבן באוויזן אהערצושטעלן אין אזא קורצע צייט-אפשניט אזא גרויסער אונטערנעמונג. דער רבי שליט"א ולידו הגה"צ הרב דבית מדרשינו שליט"א האבן זיך אומגעקוקט בעינא פקיחא אויפן גאנצן סדר הבני'.



נאכן הערן א דעטאלירטן רעפאראט פון די חשובע חברי הנהלת הקרי' און עסקני המקוה האט דער רבי שליט"א איבערגעלאזט ברכות לרוב פאר אלע מסייעים לדבר מצוה און תושבי השכונה.

**ויה"ר שברכת צדיק יחולו על ראשינו.**

# העכסט-מוצלח'דיגער מפעל החסד "חסדי משה" פארשפרעכט פילע חסד-פראיעקטן לתושבי השכונה

## לשמו ולזכרו של מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

**שותפות'דיגע צוזאמארבעט צווישן "קופת הצדקה" און חבורת "לקבץ על הגבאות" אויפגענומען מיט ענטוזיאזם**

בלויז א קורצע צייט טיילט אפ זינט דער געבורטסטאג פונעם נייעם געוואונטשענעם מפעל "חסדי משה" - וועלכע איז נתייסד געווארן דורך הגה"צ הרב שליט"א - און איר שם טוב און הערליכע לייסטונגען איז שוין נודע למרחוק.

דער געוואונטשענער מפעל "חסדי משה" – לשמו ולזכרו פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע – איז אוועקגעשטעלט געווארן מיטן ציהל: צו שטיין לימין תושבי השכונה מיט פארשידענע פעלי חסד.

לויטן איצטיגן "בלו-פרינט" פארשפרעכט דער מפעל צוצושטיין לימינם פון די תושבי השכונה מיט פילצאליגע פראיעקטן, א שטייגער ווי: קופת צדקה וחסד לעידן חדוותא; גמ"ח; עזר ליולדת; און נאך פארשידענע פראקטישע חסד-פראיעקטן, מקיים צו זיין דעם "איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק".

אבער אלס דער ערשטער שריט האט הגה"צ דער רב שליט"א באשלאסן צו אוועקצושטעלן און ערשטמאליגע חבורה, וועלכע איז מיוחדת במינה: חבורת "לקבץ על הגבאו"ת".

ס'איז באקאנט פאר תלמידי' וחסידי' סאטמאר אז רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע האט געלייגט זייער א שטארקן דגוש אז מען זאל "גיין נאך געלט" פאר אידנ'ס וועגן, און ער האט געפאדערט נישט בלויז פון אינגעלייט, נאר אויך פון נכבדי הקהילה אז זיי זאלן מכתת רגל זיין און צונויפזאמלען געלט לצדקה.

אחריו בקודש פלעגט מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע שטענדיג איבער'חזר'ן די באקאנטע עובדא פון הרה"ק רבי מאיר נתן זי"ע, דעם הייליגן צאנזער זיידנ'ס זון, וועלכער איז נתגלה געווארן אין חלום אן קיין שיך, און ער האט אנגעגעבן די סיבה, ווייל ער איז ל"ע יונג נסתלק געווארן, און ער האט נישט געהאט קיין געלעגנהייט צו "גיין נאך געלט".

נעמענדיג אין באטראכט אז מייסטענס פון די חשובע תושבי השכונה שיחיו זענען אינגעלייט וועלכע זענען פעהיג ארומצוגיין איבער די בתי מדרשים בעירינו צו זאמלען געלט אויף הכנסת כלה, און דערביי ארויסצוהעלפן זייערע שכנים\גוטע פריינד\און ידידים, איז באשלאסן געווארן אוועקצושטעלן די הייליגע חבורה, מיטן ציהל צו "גיין נאך געלט".

דעם פארלאפענעם ל"ג בעומר - בשעת'ן פראווען די געהויבענע חגיגת יומא דהילולא אין בית המדרש "ישמח משה" – האבן די תושבי השכונה אונטערגעשריבן א אפיציעלער "שטר הסכם וקניית זכות", וואו די חשובע חברי החבורה זענען אויף זיך מקבל צו גיין נאך געלט צוויי מאל יערליך, איינמאל און זוממער און איינמאל ווינטער, און אריינברענגען בס"ה דעם סכום פון $400, וכל המרבה הרי זה משובח.

דערביי האט דער צווייטער צד – ה"ה "קופת הצדקה ד'שכונת ברך משה" – גענומען אויף זיך דעם עול פון פארטיילן דאס געלט בדרך כבוד ונעלה, ארויסצוהעלפן און צו פארלייכטערן די תושבי השכונה בעידן חדוותא, און אריינברענגען אורה ושמחה אין זייער שטיבער.



שטר הסכם וקניית זכות

אלה דברי התנאים והברית אשר נדברו והותנו בין הני תרי צדדים:

מצד א': חברים החשובים והיקרים, חברי

חבורת "לקבץ על הגבאות"

שע"י מפעל "חסדי משה" - פה שכונת ברך משה, קרית יואל יצ"ו

במטרה קדושה לקבץ סכום קצוב פעמיים בשנה, לעזור ולסעוד למאות תושבי השכונה

ומצד ב': הנהלת

"קופת הצדקה והחסד"

שע"י מפעל "חסדי משה" - פה שכונת ברך משה, קרית יואל יצ"ו

שמטרתו לחלק המעות שנקבצו ע"י החבורה; ועי"ז לעמוד לימין תושבי השכונה בעידן חדוותא

זכרון דברים:

את כל הכתוב בשטר זו הוסכם בין ב' הצדדים, ולאות אמת וצדק חתמנו את שמינו

ביום ___ לסדר ________ לחודש ______ שנת תשע"א לפ"ק, והכל שריר וקיים

החותמים מצד א': חברי החבורה:

מטעם די חבורת "לקבץ על הגבאות" האבן אונטערגעשריבן די פילצאליגע חברי החבורה, תושבי השכונה, און מטעם די "קופת הצדקה" האט אונטערגעשריבן הגה"צ דער רב שליט"א, מייסד המפעל.

ווי געזאגט איז דאס בלויז דער אנהויב פון א רייע פון פילצאליגע חסד-פראיעקטן און לייסטונגען לטובת תושבי השכונה, וועלכע וועלן אונטערגענומען ווערן דורכן מפעל "חסדי משה" בעז"ה. א רשימה פון פלענער ליגן אין די טעג אויפן טיש, און וועלן בעז"ה אדורכגעפירט ווערן בקרוב.

איש את רעהו יעזורו.

---

*שבת אחים גם יחד:*

# ברודערליכע אטמאספערע און אחדות'דיגער שטימונג צווישן תושבי השכונה; צום באוואונדערן

די ווערטער פונעם נעים זמירות ישראל דוד המלך ע"ה "הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד", איז שטארק פאסיג אויף די חשוב'ע חבריא, תושבי שכונת ברך משה, וועלכע קומען זיך צונויף מזמן לזמן אינעם צייטווייליגן בית המדרש "ישמח משה" דקהלתינו הק', אויף הערליכע כינוסים; מסיבות מרעים; וועכנטליכע מסיבות מלוה מלכה באגלייט מיט סיפורי צדיקים און זמירות, א.א.וו. וואס דאן איז אממערסטנס אנמערקבאר די ווארימע ברודערליכע גייסט וואס הערשט אין די שכונה.

ס'איז פשוט געשמאק און באַטעמ'ט מיטצוהאלטן א "שלום זכר" און זיין נמנה להנהו חבורתא. אלע משתתפים, עלטערן און קרובים, ווערן מיטגעשלעפט מיטן ברודערליכן גייסט, יעדער שפירט זיך אזוי היימיש און באקוועם, צו זיצן מיט אזא סביבה, שעפנדיג דערפון חיזוק און פארגעניגן.

איבערהויפט איז צום דערקענען דאס היימישע ווארימקייט ווען די מסיבות ווערן מזמן לזמן באשיינט דורך הגה"צ הרב שליט"א, וועלכער 'הייבט' דעם גאנצן מעמד, אריינברענגענדיג א גייסט פון התרוממות, וואס איז צום דערקענען מידי שבוע בשבוע ביי די ווארימע שלש סעודות'ער, און איבערהויפט אין פארשידענע ספעציעלע זמנים פון יאר, ווען מען קומט זיך צוזאם בשבת אחים גם יחד, און מען פארברענגט מיט א רייכן סדר היום בשירה וזמרה לכבוד היום, וואס אזעלכע מאורעות איז נאך מער מאחד ומחזק די גאנצע שכונה, בקשר של קיימא, וואס לאזט איבער א שטארקן רושם אויף א לאנגע צייט.